בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ

250

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאל אִיךְ מֶער נִישְׁט גֵיין בַּאזוּכְן מַיין מַאמֶע?......................... א

וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגט מֶען דִי פַּאנִיק פוּן דִי מִלְחָמָה
אִין אוּקְרֵיינָא?............................................................. ד

עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען דַף הַיּוֹמִי, אָדֶער אַן אֵייגֶענֶע שִׁיעוּר
אִין שַׁ"ס?........................................................................ ח

וָואס אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִי קְבוּצָה פוּן "נַ נַח"?............ יא

זָאל אִיךְ מַאכְן הַפָּצָה אוֹיף "סְטַאטוּס"?............................ יג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט
צֶעקְלַאפְּן דִי פִינְגֶער ............................................................ א

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר דִי יְשִׁיבָה............. ב

אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר אִיז נָאר אַ מַעֲלָה.............................. ג

אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר, אַ קָרְבַּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ................. ג

מֶען דַארְף אַסאַךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע
קִינְדֶער ....................................................................... ד

לֶערְנֶען גְמָרָא וֶועט דִיר הֶעלְפְן בֵּייקוּמֶען דִי
שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת........................................ ה

הַאלְט נִישְׁט דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים דַאוֶונֶען.......................... ו

רֶעד שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּ דַיין וַוייבּ,
וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן צְוִוישְׁן עֶנְק............................ז

הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט בְּרֶסְלֶב.........ז

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אוֹיסְצָאלְן
אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּיז פֶּסַח.................................ח

פַארְוָואס אַוֶועקְגֶעבְּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד?.......................י

אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם
אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.......................................י

זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין וַוייבֶּער שׁוּל.........................יא

אוּנְטֶער דִי קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן אוֹיס קַאלְט אוּן טְרוּקְן,
גִיסְט זִיךְ טְרֶערְן.................................................יב

מֶען טָאר נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ פוּן אַ שִׂמְחָה..יד

טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ..........טו

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח פְרֵיילִיכֶערְהֵייט...........טז

דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין
פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.........................................טז

אִיךְ הָאבּ פַאר אַייךְ נֵייעֶס, נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן.........יז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זָאל אִיךְ מֶער נִשְׁט גֵיין בַּאזוּכְן מַיין מַאמֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי בַּאזוּכְן מַיין מַאמֶע, אִיךְ הוֹיבּ אָן רֶעדְן מִיט אִיר, הוֹיבְּט זִי מִיר אָן צוּ מוּסָרְ'ן אוּן פָּארְהַאלְטְן, זִי זָאגְט מִיר וִוי שְׁטַארְק זִי אִיז אַנְטוֹישְׁט פוּן מִיר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דָאס רֶעגְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף.

לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אִיר אוּן זִי הָאט מִיר פָּארְגֶעהַאלְטְן אוֹיף עֶטְלִיכֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנָה'עֶן מִיט אִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן מִיט כַּעַס, אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ גֵיי מֶער קֵיינְמָאל נִשְׁט אַרוֹיפְגֵיין צוּ אִיר, אִיךְ וִויל נִשְׁט זַיין קַיין מְחוּצְף קֶעגְן אִיר, אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי צוּ אִיר קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין חוּצְפָּה'דִיג קֶעגְן אִיר, אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ אַרוֹיס פוּן אִיר הוֹיז.

אִיךְ וֵוייס נִשְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶס אִיז נִשְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס דָאס פַּאסִירְט, יֶעדֶעס מָאל וֶוער אִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין וִיכּוּחִים מִיט אִיר, סְפֶּעצִיעֶל וֶועגְן בְּרֶסְלֶב. וֶוען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן מִיר פָאר וֶועגְן בְּרֶסְלֶב גֵייט עֶס מִיר נִשְׁט אָן, אָבֶער וֶוען זִי רֶעדְט צוּ מִיר וֶועגְן דֶעם טוּט עֶס מִיר זֵייעֶר וֵויי, אוּן נָאכְדֶעם קְרִיג אִיךְ זִיךְ מִיט אִיר.

אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ טַאקֶע אוֹיפְהֶערְן גֵיין צוּ אִיר? אָדֶער אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ גֵיין נָאר צוּ סְעוּדוֹת שַׁבָּת, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דָא וֵוינִיגֶער צַייט אַרַיינְצוּגֵיין אִין וִיכּוּחִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹי וֵויי, ווי קֶען זַיין מֶען זָאל זִיךְ חוּצְפָּה'נֶען צוּ אַ מַאמֶע? גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן ווי קֶען אַ קִינְד עֶנְטְפֶערְן פַאר טַאטֶע מַאמֶע?! אַז אַ מַאמֶע זָאגְט מוּסָר פַארְלִירְט מֶען זִיךְ? אַז אַ מַאמֶע הַאלְט פָאר - מֶעג מֶען עֶנְטְפֶערְן? אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין בְּרֶסְלֶב - וֶועסְטוּ פַארְלוירְן? דוּ וֵוייסְט וָואס מֵיינְט אַ טַאטֶע מַאמֶע? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "הִשְׁוָה הַכָּתוּב כִּבּוּד אָב וָאֵם לִכְבוֹד הַמָּקוֹם", מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אַזוֹי ווי מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווי קֶען זַיין אַ קִינְד זָאל זִיךְ פַארְלִירְן אוּן עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן?!

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי הֲוָה אֲמִינָא מֶער נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין צוּ זֵיי, אוּן אַז דַיין מַאמֶע גֶעבְּט דִיר מוּסָר זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר גֶעבְּן דִי גֶעפִיל אַז דוּ נֶעמְסְט אָן וָואס זִי זָאגְט דִיר. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזִינְגֶען דֶעם גַאנְצְן אֵשֶׁת חַיִל פַאר זַיין מַאמֶע נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט מוּסָר. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ'ס מוּטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שַׁארְפֶע מוּסָר רֵייד, זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי לא, ב): "מַה בְּרִי, וּמַה בַּר בִּטְנִי", וָואס אִיז מִיט דִיר מַיין זוּן - וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן מִיר? "וּמֶה, בַּר נְדָרָי", וָואס אִיז מִיט דִיר מַיין זוּן - וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַזוֹיפִיל נְדָרִים אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קִינְד וָואס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק?! קוּק דִי מוּסָר רֵייד וָואס זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן וָואס הָאט אִיר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט? עֶר הָאט אִיר גֶעזִינְגֶען (שָׁם, י): "אֵשֶׁת חַיִל מִי יִמְצָא", אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה צוּ גֶעפוּנֶען; אַ מַאמֶע מֶעג זָאגְן, אוּן אַ קִינְד טָאר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן.

אַז דוּ הָאסְט גֶעוָארְפְן זַאכְן פוּן כַּעַס - דַארְפְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן; וֶוען מֶען וַוארְפְט זַאכְן פוּן כַּעַס אִיז דָאס אַזוֹי ווי מֶען בְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן פַאר עֲבוֹדָה זָרָה. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל (זוֹהַר פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי רסג:), עֶס זֶענֶען דָא הֵיכָלוֹת דִּקְדֻשָּׁה אוּן

זֶה לְעֻמַּת זֶה זֶענֶען דָא הֵיכָלוֹת פוּן טוּמְאָה. אִין דִי עֶרְשְׁטֶע הֵיכָל פוּן טוּמְאָה אִיז דָא אַ מְמוּנֶה וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִין כַּעַס אוּן עֶר רֶעדְט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער נֶעמְט עֶר דִי אַלֶע וֶוערְטֶער, "וְהָכִי נָמֵי נַטְלֵי כָּל אִלֵּין מִלִּין דְּזָרִיק בַּר נָשׁ בִּידוֹי, כַּד רוּגְזָא שַׁרְיָא עֲלוֹי", אַזוֹי אוֹיךְ נֶעמְט עֶר דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אַ מֶענְטְשׁ וַוארְפְט בִּשְׁעַת עֶר אִיז אִין כַּעַס, "דְּהָא כְּדֵין הַאי מְמָנָא סַפְּסִירִיטָ"א נָקִיט הַאי מִלָּה, דְּזָרִיק בַּר נָשׁ בְּרוּגְזֵיהּ, וְסָלִיק וְאָמַר, דָּא הוּא קָרְבְּנָא דִּפְלַנְיָא, דְּקָרִיב לְסִטְרָא דִּילָן", עֶר טְרָאגְט אַלֶעס אַרוֹיף אִין דִי הֵיכַל הַטּוּמְאָה אוּן עֶר זָאגְט 'דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן'.

"בְּגִין דְּכָל סִטְרָא דְּנַיְיחָא, אִיהוּ מִסִּטְרָא דִּימִינָא, וּמִסִּטְרָא דִּמְהֵימְנוּתָא", וֶוען מֶען אִיז רוּאִיג אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז פוּן דִי גוּטֶע זַייט, עֶס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה, "וְכָל סִטְרָא דְּרוּגְזָא, אִיהוּ מִסִּטְרָא אַחֲרָא בִּישָׁא, סִטְרָא מִסְאֲבָא", אוּן וֶוען מֶען אִיז אִין כַּעַס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, פוּן דִי טוּמְאָה, "וְעַל דָּא מַאן דְּאַשְׁדֵי מִן יְדוֹי מִדִּי בְּרוּגְזָא", דֶערִיבֶּער וֶוער עֶס וַוארְפְט אַ זַאךְ וֶוען עֶר אִיז אִין כַּעַס, "כָּל אִלֵּין נַטְלִין לָהּ לְהַאי מִלָּה דְּאִזְדְּרִיק, וְסַלְקֵי לָהּ לְעֵילָּא", נֶעמֶען דִי אַלֶע מְמֻנִּים פוּן דִי צַד הַטּוּמְאָה דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָוארְפְן אוּן טְרָאגְן דָאס אַרוֹיף, "וְאִתְקְרִיב לְהַהוּא סִטְרָא", זֵיי זֶענֶען דָאס מַקְרִיב פַאר דִי סִטְרָא אַחֲרָא, "וְאָמְרֵי דָּא קָרְבְּנָא דִּפְלַנְיָא", זֵיי זָאגְן, דָאס אִיז אַ קָרְבַּן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְכָרוֹזָא קָארֵי בְּכָל אִינוּן רְקִיעִין, וְאָמְרֵי", אוּן מֶען רוּפְט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל, "וַוי לִפְלַנְיָא דְּאַסְטֵי בָּתַר אֵל זָר, וּפָלַח לְאֵל אַחֵר", וויי פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, "וְכָרוֹזָא קָארֵי זִמְנָא תִּנְיָנָא וְאָמַר (הוֹשֵׁעַ ז, יג) אוֹי לָהֶם כִּי נָדְדוּ מִמֶּנִּי וְגוֹ'", נָאכְדֶעם רוּפְט מֶען אוֹיס נָאכְאַמָאל, וויי פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "זַכָּאָה אִיהוּ בַּר נָשׁ, דְּאִסְתְּמַר מֵאָרְחוֹי", וואוֹיל אִיז דֶער וָואס הִיט זִיךְ פוּן דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, "וְלָא יִסְטֵי לִימִינָא וְלִשְׂמָאלָא", עֶר גֵייט זֵיי נִישְׁט נָאךְ נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, "וְלָא יִנְפּוֹל בְּגוֹ בֵּירָא עֲמִיקָא, דְּלָא יָכִיל לְסַלְּקָא מִנֵּיהּ", וֶועט עֶר נִישְׁט פַאלְן אִינֶעם טִיפְן אָפְּגְרוּנְד, אִינֶעם גֵיהִנּוֹם.

אַז מֶען אִיז דִיר מְבַזֶה פַארְ'ן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן - אִיז דָאס נָאר אַ כְּלִי צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט; ווִי מֶער בִּזְיוֹנוֹת מֶען גֵייט אַרִיבֶּער וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִיק - אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין. קוּק וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפה): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת יוֹתֵר בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת רַבּוֹת וּגְדוֹלוֹת, כְּגוֹן מֵאָבִיו וְאִשְׁתּוֹ וְחוֹתְנוֹ אוֹ מִשְּׁאָר בְּנֵי אָדָם שֶׁמּוֹנְעִים וּמְעַכְּבִים אוֹתוֹ מְאֹד וְכוּ', וְהוּא צָרִיךְ לְהִתְיַגֵּעַ וְלִטְרֹחַ מְאֹד לְשַׁבְּרָם, כָּל אֵלּוּ הַיְגִיעוֹת וְהַטְּרָחוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת, הֵם טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָאָדָם, כִּי עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה, כִּי עַל יְדֵי הַיְגִיעוֹת שֶׁבַּתְּחִלָּה נַעֲשֶׂה הַכְּלִי, וְכָל מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ יוֹתֵר יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת וְכוּ' יֵשׁ לוֹ כְּלִי גָּדוֹל בְּיוֹתֵר לְקַבֵּל אַחַר כָּךְ בְּתוֹכוֹ שֶׁפַע קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווִי מֶער מְנִיעוֹת מֶען הָאט וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב - אַלְץ מֶער אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּנֶעם צַדִיק; דִי מְנִיעוֹת זֶענֶען כֵּלִים לְקַבֵּל הַשֶּׁפַע שֶׁל הַצַּדִיק.

...

### ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי פַּאנִיק פוּן דִי מִלְחָמָה אִין אוּקְרֵיינָא?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֵיין אַייעֶרֶע בְּרִיוֹן אוּן אִיךְ הֶער אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן נִיגוּנִים, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי נִיגוּנִים גֶעמַאכְט סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי יֶעצְטִיגֶע מִלְחָמָה לַאגֶע אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז שְׁטַארְק מְחַזֵק אִין אֱמוּנָה.

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאצִיעֶן צוּ דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אַ דְרָשָׁה, אִיר פְרֶעגְט דָארְט 'וָואס אִיז דִי פַארְגֶעניוּגְן פוּן מֶענְטְשְׁן זִיךְ אַריינְצוּלֵייגְן אִין אַ פַּאנִיק פוּן דִי מִלְחָמָה?' אוּן אִיר עֶנְטְפֶערְט 'עֶס אִיז פְּשׁוּט אַז אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶען דַארְף נִישְׁט אַוֶועקְלֵייגְן דִי שְׁטְרַיימְל נָאךְ שַׁבָּת, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט קֶער נֶעמֶען פוּן זִיךְ'.

אִיךְ ווָאוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל זָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַז מֶענְטְשְׁן פַאלְן בֶּאֱמֶת

אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק פוּן דִי מִלְחָמָה, אַוַדאי זֶענֶען דָא אִינְטֶעלַייט לֵיידִיגֵייעֶרְס וָואס זִיצְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען דִי נֶעכְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זֵיי הָאבְּן אַ תֵּירוּץ נִישְׁט אַהֵיימְצוּגֵיין ווייל עֶס אִיז דָא אַ מִלְחָמָה, אָבֶער דֶער חֵלֶק פוּן פַּאנִיק דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט אוֹיטָאמַאטִישׁ.

אִיךְ זֶע עֶס בַּיי מִיר אַלֵיין, אִיךְ קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן מֶען רֶעדְט נֵייעֶס, אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוָואלְט גֵיין אִין וַואלְד, אִיךְ וויל נִישְׁט הֶערְן קֵיין נֵייעֶס, אָבֶער וואו מֶען גֵייט אוּן וואו מֶען שְׁטֵייט רֶעדְט מֶען פוּן דִי מִלְחָמָה, רוּסְלַאנְד אִיז אַרַיין אִין אוּקְרֵיינָא, עֶס פַאלְט אַ פַּחַד צוּ הֶערְן, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ זַייט דֵייטְשְׁלַאנְד אִיז אַרַיין אִין פּוֹילְן. אוּן אַז אֵיינֶער קֶען אַ טְרָאפּ חֶשְׁבּוֹן, זֶעט עֶר אַז דֶער פּוּטִין אִיז עָלוּל אוֹיף צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן, אוּן דֶער אַמֶערִיקַאנֶער פְּרֶעזִידֶענְט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בַּיים זִינֶען, אוּן אִין אֵיין רֶגַע קֶען וֶוערְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מִלְחָמָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַמָאל אִיז אַמֶערִיקֶע גֶעוֶוען אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועלְט, אָבֶער הַיינְט אִיז דִי וֶועלְט זֵייעֶר קְלֵיין, אִין אֵיין רֶגַע קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּאסִירְן דָאס עֶרְגְסְטֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן, סַיי דִי נוּקְלֶעאַרֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן אוּן סַיי דִי סַייבֶּער מֶעגְלִיכְקֵייטְן וָואס קֶען מַאכְן אַז אִין אַפָּאר טֶעג זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער. דִי פַּאנִיק קוּמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער מֹחַ לוֹיפְט, 'וואו וֶועל אִיךְ לוֹיפְן? וואו וֶועל אִיךְ גֵיין?'

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעלֵיינְט דִי שְׁאֵלָה וָואס אֵיינֶער הָאט לֶעצְטְנְס גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן דִי מִלְחָמָה, דִי שְׁאֵלָה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי תְּשׁוּבָה, עֶר שְׁרַייבְּט דָאךְ אַזוֹי אֱמֶת'דִיג: "אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה ווִי דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בֵּייז וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי גְזֵירוֹת וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶס זִיכֶער נִישְׁט טוּן צוּ אוּנְז; וָואס טוּ אִיךְ? ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה? עֶס וֶוערְט עֶרְגֶער פוּן טָאג צוּ טָאג, יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז עֶס אִיז פִּיל עֶרְגֶער פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט, בַּיי קָארָאנֶע הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעפַּאנִיקְט, אָבֶער אִיךְ פִּיל ווִי דִי אַלֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר אִיז נָאר גֶעוֶוען אַן הֲכָנָה צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע", עַד כַּאן לְשׁוֹנוֹ; עֶר זָאגְט דָאךְ אַזוֹי גוּט אוּן אֱמֶת'דִיג.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ, שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען אוּן וֶוערְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן פַּחַד אוּן פַּאנִיק, אָבֶער אַלְס אַ מַנְהִיג פוּן אַזוֹיפִיל הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס הֶערְן אַייךְ אוֹיס, דַארְפְט אִיר ווִיסְן אַז אַכְצִיג אָדֶער נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט פוּן דִי מֶענְטְשְׁהֵייט זִיצְט אִין שְׁרֶעק אוּן אִין פַּאנִיק, עֶס שְׁפִּילְט זִיךְ

אָפּ שׂוֹידֶער אִין קָאפּ, חַס וְשָׁלוֹם אִיךְ וִויל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ טְרַאכְט.

אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַאר'ן אַזוֹי מַאֲרִיךְ זַיין, אָבֶער אִיךְ הָאף אַז אֶפְשָׁר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם אַ שֵׁיינֶע קְלָארֶע עֶנְטְפֶער, אָדֶער אַ תְּפִלָּה, וָואס וֶועט הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, י"ט אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ אוּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען - קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער הָאבְּן; שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען אוּן אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", ווייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחְלוֹת, אוּן זֵיי לַיידְן פוּן דֶעם נָאר ווייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם. זָאגְט דֶער רֶבִּי ווייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דַאן הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעווֵיינִיג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶער חֶשְׁבּוֹן; וֶוען מֶען חַזֶר'ט דִי אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז 'מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל', לֶעבְּט

מֶען רוּאִיג.

מוֹהֲרַא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַארְפַאסְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיב, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר דִיר, חַזֶר זִיךְ דִי שְׁטִיקְל צַוָואָה וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן - וֶועסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן אַלֶע נֵייעֶס, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ אוּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען.

צַוָואַת מוֹהֲרַא"ש, אוֹת ח:

"מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אֵייעֶרְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר אַ וֶועלְט וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אַייךְ. אִיר דַארְפְט אַייךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. וָואס אִיר דַארְפְט הָאבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס

וָואס עֶר דַארְף, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אֱמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקַייט, אֱמוּנָה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָּאר אִין זַיין מֹחַ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעשְׁמַאק אוּן הֲנָאָה פוּן גַן עֵדֶן. אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חָבֵר אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען דַף הַיּוֹמִי, אָדֶער אַן אֵייגֶענֶע שִׁיעוּר אִין שַׁ״ס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי וִוי מֶען הָאט לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶּכֶת יְבָמוֹת, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיב אִיךְ זָאל מִיטְגֵיין מִיט דֶעם סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף הַיּוֹמִי, אָדֶער אִיז אֶפְשָׁר בֶּעסֶער פַאר מִיר צוּ לֶערְנֶען אוֹיף מַיין אֵייגֶענֶע סֵדֶר אִין שַׁ"ס?

אִיךְ זֶע בַּיי מִיר אַז אַסַאךְ מָאל קוּם אִיךְ נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען דֶעם דַף אוֹיפְ'ן טָאג, אוּן שְׁפֶּעטֶער בְּלַייבּ אִיךְ מִיט אַסַאךְ הַאלְבֶּע מַסֶּכְתּוֹת, אֶפְשָׁר אִיז בֶּעסֶער פַאר מִיר צוּ גֵיין אוֹיף מַיין אֵייגֶענֶע סֵדֶר? אָדֶער אִיז יָא דָא אַ תּוֹעֶלֶת צוּ לֶערְנֶען דַוְקָא דֶער דַף פוּן יֶענֶעם טָאג, אֲפִילוּ אַז אִיךְ וֶועל מִסְתָּמָא נִישְׁט מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף דִי מַסֶּכְתָּא.

אָדֶער אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט לֶערְנֶען יֶעצְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר הַשַּׁ"ס, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֵיינְמָאל גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ זִיךְ נֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט

און אֵיין מָאל? אִיךְ הָאבּ דִי וָואךְ גֶעמַאכְט נָאךְ אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער פֶערְצִיג מָאל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ה אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אִין גְמָרָא כְּסִדְרָן; הוֹיבּ אָן שַׁ"ס, הוֹיבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, קוּק נִישְׁט אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט, גֵיי כְּסִדְרָן מַסֶּכְתָּא נָאךְ מַסֶּכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן נָאךְ אַ שִׁיעוּר, לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; מוֹהֲרַ"ש הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אַלֶע זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בְּלַאט גְמָרָא, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט אִינְאֵיינֶעם.

נָאכְן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס כְּסִדְרָן דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ נֶעמֶען אֵיין מַסֶּכְתָּא און דָאס אִיבֶּערְגֵיין מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד, אָדֶער קֶענְסְטוּ נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן שַׁ"ס און לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אַזוֹי וִוי בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר, וִוי אַזוֹי דוּ שְׁפִּירְסְט אַ בֶּעסֶערֶע טַעַם, און סַיי וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט טוּן - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פוּנֶעם טָאג.

לִימוּד גְמָרָא אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים. צַדִּיקִים זָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קו:): "גְמָרָא גְמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא", דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן (יְהִי רָצוֹן קוֹדֶם אֲמִירַת תְּהִלִּים): "לְ'זַמֵּר' עָרִיצִים וּלְהַכְרִית כָּל הַחוֹחִים וְהַקּוֹצִים", דָאס שְׁנַיידְט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְדְרוּקְן: "אַלֶעס לָאזְט דֶער יֵצֶר הָרָע טוּן - נָאר נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא, ווַייל דָאס פַארְבְּרֶענְט אִים".

אַ שָׁאד מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ אַזוֹי אִין יְשִׁיבוֹת, מֶען לָאזְט נִישְׁט בָּחוּרִים לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). בָּחוּרִים וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶס בְּרֶענְט אִין זֵיי אַלֶע פַייעֶרְן פוּן עֲבֵירוֹת, און

װען מֶען כַאפְּט אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת װָארֶענְט מֶען אִים אַז מֶען גֵייט אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן; שׁוֹמוּ שָׁמַיִם! וִוי נַארִישׁ קֶען מֶען זַיין! עֶס פַאלְן אַוֶועק אַזוֹיפִיל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, יוּנְגֶע בָּחוּרִים פֶּרעגְלֶען זִיךְ אִין בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת, אַנְשְׁטָאט זֵיי גֶעבְן קַאלְטֶע וַואסֶער מִיט וָואס אָפְּצוּקִילְן זֵייעֶר יֵצֶר הָרָע, קַאלְטֶע וַואסֶער דָאס אִיז מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא; לָאז זֵיי זָאגְן גְמָרָא, לָאז זֵיי זָאגְן מִשְׁנַיוֹת – וָואס הָאסְטוּ אַזוֹי מוֹרָא?! אַנְשְׁטָאט דֶעם סְטְרַאשֶׁעט מֶען זֵיי אַז מֶען גֵייט זֵיי פַארְשִׁיקְן פוּן יְשִׁיבָה...

װער עֶס וֵוייסְט אַבִּיסְל וָואס טוּט זִיךְ אָפּ צְוִוישְׁן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, וֵוייסְט וִוי זֵיי פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, זֵיי פַאלְן אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; מֶען וָואלְט זֵיי אַלֶע גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶועט פוּן אַרָאפְּפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה.

גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, וָואס זָאלְן בָּחוּרִים טוּן?! זַיין פַארְנוּמֶען אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן חֲסִידוּת? הֲבֵל הֲבָלִים, שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן פוּן יֶענֶעם רֶבִּי'ן? דָאס זֶעטִיגְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם פּוּסְט אוּן פַּאר בִּיז מֶען פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט לָאזְן בָּחוּרִים לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא? וֶועלְן זֵיי נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן!

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב קעד): "גַּם פֹּה נִמְצָא מִתְנַגֵּד אֶחָד", עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָא אַ מִתְנַגֵּד, "שֶׁבְּנוֹ הִתְחִיל קְצָת לְהִתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וְלָמַד הַרְבֵּה גְּמָרָא וּפוֹסְקִים", זַיין זוּן אִיז מְקוּרָב צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, "וְעַתָּה, מַכְרִיחִים אוֹתוֹ אַנְשֵׁי בְלִיַּעַל, הַמְכַנִּים עַצְמָם בְּשֵׁם חֲסִידִים, וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ מִלִּלְמֹד גְּמָרָא וּפוֹסְקִים, וְאוֹמְרִים שֶׁטּוֹב יוֹתֵר לְדַבֵּר עִמָּהֶם", דִי מִתְנַגְדִים רֶעדְן אִים אָפּ פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא וּפוֹסְקִים, אוּן זֵיי זָאגְן אִים אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי וִוי צוּ לֶערְנֶען, "וְאָבִיו צָעַק עַל בְּנוֹ הַנַּ"ל, אֲנִי נוֹתֵן לְךָ לֶאֱכֹל עַל מְנָת שֶׁלֹּא תִּלְמַד רַק דַּף גְּמָרָא אֶחָד בְּכָל יוֹם, לֹא יוֹתֵר! כִּי מִי שֶׁלּוֹמֵד כָּל הַיּוֹם הוּא בְּרֶסְלְבֶר וְכוּ'", זַיין טַאטֶע שְׁרֵייט אוֹיף אִים אַז עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ, וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט אִים אַז עֶר גֵייט אִים אוֹיפְהֶערְן גֶעבְן עֶסְן

אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר מֶער ווִי אֵיין בְּלַאט גְמָרָא; רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט אִינֶעם בְּרִיוו: ״הַכְּלָל, שֶׁאֵין הַמִּתְנַגְּדִים עוֹמְדִים לִמְנֹעַ מִלִּלְמֹד סִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רַק פְּנִימִיּוּת כַּוָּנַת הָרַע שֶׁבְּלִבָּם הוּא לְבַטֵּל מִיִּשְׂרָאֵל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, כִּי יָדוּעַ לָכֶם מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרָט בַּדּוֹר הַזֶּה, וְאֵין שׁוּם הַצָּלָה כִּי אִם עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, וְאֵין מִי שֶׁיַּכְנִיס לִמּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַתּוֹרָה בָּעוֹלָם כְּמוֹ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עַל יְדֵי אֲמִתַּת דְּרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגִּלָּה עַל יָדֵינוּ, וּבִסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים״, דִי מִתְנַגְּדִים ווִילְן נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, נָאר זֵיי ווִילְן אוֹיסְרַייסְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, ווִי עֶס אִיז אַייךְ בַּאוְוּיסְט דִי מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים פוּנֶעם דוֹר, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וֶועג זֵיי צוּ רַאטֶעוֶועֶן נָאר דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען לִימּוּד הַתּוֹרָה נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווָאס אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִי קְבוּצָה פוּן ״נַ נַח״?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִין אַ לֶעצְטִיגֶע שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט קֶעגְן דִי ווָאס גֵייעֶן מִיט "נַ נַח" קַאפְּלֶעךְ, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי עֶס אוּן אִיךְ הַאלְט אוֹיךְ אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט. אָבֶּער דִי ווָאס טוּעֶן דָאס מֵיינֶען עֶס גֶעבֶּעךְ עֶרְנְסְט, זֵיי הַאלְטְן אַז דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, זֵיי מֵיינֶען נִישְׁט חָלִילָה צוּ שְׁפֶּעטְן אוּן חוֹזֵק מַאכְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיף דִי אַלְגֶעמֵיינֶע גַאס ווָאס מַאכְן זֵיי נָאךְ, נָאר דִי ווָאס הַאלְטְן זִיךְ פוּן יֶענֶע קְבוּצָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ה אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט "נַ נַחְ" - אִיז אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן דִי פִינְגֶער, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶערֶעדְט פוּן דִי טִפְּשׁוּת. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אִין טְבֶרְיָ׳ ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, מֶען הָאט אִים דָארְט זֵייעֶר גֶעפַּיינִיגְט אוּן גֶערוֹדְפְ׳ט, וֶוען מֶען לֵיינְט וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער - כַאפְּט אַ פַּחַד; מֶען הָאט פַארְגָאסְן זַיין בְּלוּט בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. דָארְט אִין טְבֶרְיָ׳ הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד רֶבִּי יוֹאֵל אַשְׁכְּנַזִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזֶען וִוי מֶען רוֹדְפְ׳ט דֶעם ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער; וַוייל עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר דַארְף מֶען אִים רוֹדְפְ׳ן? וַוייל עֶר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דַיין חֲסִידוּת - קוּמְט אִים דָאס?! הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ שְׁפִּיצְל אִים פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַיין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַ צֶעטְל אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף: 'פִּתְקָא מִן הַשָּׁמַיִם' מִיט דִי וֶוערְטֶער 'נַ נַחְ' אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע מְשׁוּגַעַת, עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶר זָאל מֵיינֶען אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ צֶעטְל פוּן רֶבִּי'ן וְכוּ׳ אוּן נֶעבֶעךְ דֶער ר׳ יִשְׂרָאֵל בֶּער הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ צֶעטְל וְכוּ׳ אוּן פוּן דֶעם לַיידְן מִיר עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אַז מֶען אִיז מְבַזֶּה אַ צַדִּיק, דִי אַלֶע זֶענֶען מְרַחֵק מֶענְטְשְׁן פוּן בְּרֶסְלֶב, זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם דִי אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוֹיף בְּרֶסְלֶב. אִיךְ גֶעדֶענְק מִיט קָרוֹב צוּ דְרַייסִיג יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט מַיין זֵיידֶע הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטֶה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה קַיין מִירוֹן, אִיךְ הָאבּ אִים מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען. דֶעמָאלְט פְלֶעגְן זֵיי טַאנְצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַעֲרָה מִיט דִי נִיגוּנִים "נַ נַחְ..." מַיין זֵיידֶע פְלֶעגְט מִיר יֶעדְן טָאג זָאגְן אוֹיפְ׳ן וֶועג אַרוֹיף צוּ דִי מַעֲרָה אוּן אוֹיפְ׳ן וֶועג אַרָאפּ פוּן דִי מַעֲרָה: "דָאס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, דִי מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב".

כַּמָּה פְּעָמִים וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי מֶען טַאנְצְט בְּתַּעֲרוּבוֹת מֶענֶער מִיט פְרוֹיעֶן, פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען זַיין שְׁטֶעקֶן (עֶר פְלֶעגְט אַלְץ גֵיין מִיט אַ זִילְבֶּערְנֶעם שְׁטֶעקֶן, כְּמִנְהַג הָרַבָּנִים), עֶר הָאט דָאס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט טַאנְצְן בְּתַּעֲרוּבוֹת!" עֶס אִיז גֶעפַאלְן אַ פַּחַד אוֹיף זֵיי, אַלֶע זֶענֶען זִיךְ צוּלָאפְן.

עֶר פְלֶעגְט מִיר זָאגְן: "אִיךְ וֶועל דִיר ווַייזְן אִין דִי מַעֲרָה דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, ווִי זֵיי זָאגְן תְּהִלִּים מִיט הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ, ווִי זֵיי זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת מִיט בְּכִיּוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ מַאכְן הַפָּצָה אוֹיף "סְטַאטוּס"?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר'ן מִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען פָּשׁוּט צוּ לֶעבְּן, ווַייל אִיךְ בִּין דָאךְ אַזַא נַאר, אַזַא קְלֵיינֶער מֹחַ, אוּן כָאטְשׁ וָואס יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ ווִיל הֶערְן אַ דְרָשָׁה אָדֶער לֵיינֶען אַ בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ אַ פְרִישֶׁע נִסָּיוֹן, אָבֶּער אֵיינְמָאל אִיךְ בְּרֶעךְ עֶס דוּרְךְ, פִיל אִיךְ זִיךְ ווִי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער, דִי שֵׂכֶל פַאר אַ יֶעדֶע רֶגַע אִין מַיין לֶעבְּן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאגֵיין מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, מַיין ווַייבּ, וּבִפְרַט מִיט מַיין גֶעוֶועזֶענֶער אַרְכִי-פַיינְט אוּן מַיין יֶעצְטִיגֶער בֶּעסְטֶער חָבֵר, וָואס דָאס בִּין אִיךְ אַלֵיין. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאצָאלְן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִים גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אוֹיף ווַייטֶער.

אִיךְ הָאבּ אַ טֶעבְּלֶעט, אוּן דִי פִירְמֶע וָואס פִילְטֶערְט עֶס הָאט אָפְּן גֶעלָאזְט דִי "סְטַאטוּס". אִיךְ וָואלְט עֶס וֶוען אַרָאפְּגֶענוּמֶען, אָבֶּער אַזוֹי ווִי אִיךְ נוּץ עֶס כִּמְעַט נָאר פַאר מַיין אַרְבֶּעט אוּן קֵיינֶער לֵייגְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט אַרוֹיף דָארְט, הָאבּ אִיךְ עֶס גֶעלָאזְט אָפְּן, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל מַאכְן הַפָּצָה אוֹיף "סְטַאטוּס", ווַייל דֶערְווַייל זָאג אִיךְ זִיךְ צוּ

יֶעדְן טָאג אַז מָארְגְן גֵיי אִיךְ אָנְהוֹיבְּן עֶפֶּעס טוּן פַאר הַפָּצָה, אוּן לְמַעֲשֶׂה בְּלַייבְּט עֶס בַּיי גָארְנִישְׁט.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ, כ״ה אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן דִי זַאכְן, וֶוער נִישְׁט אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי זַאכְן; נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ פַארְלִירְן דַיין צַייט, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דוּ אַלֵיינְס וֶועסְט פַארְלוֹירְן וֶוערְן.

לֶערְן יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ יִשׁוּב הַדַעַת, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי מִשְׁנַיוֹת טוֹישְׁט דֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ רוּאִיגְקֵייט, אַ בַּאזֶעסְנְקֵייט.

בְּנוֹגֵעַ יֶעדֶעס מָאל וָואס דוּ ווִילְסְט הֶערְן אַ שִׁיעוּר אָדֶער לֶערְנֶען בְּרִיוו - הָאסְטוּ נִסְיוֹנוֹת; אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַלֶעמֶען, דִי צַד הַטוּמְאָה ווִיל דִיר צוּרִיק, זֵיי ווִילְן נִישְׁט מֶען זָאל גֵיין צוּ דִי קְדוּשָׁה. מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר אַמָאל מְחַזֵק גֶעוֶוען אוֹיף דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מֶען הָאט מִיר גֶעמַאכְט, מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גְט מִיר: ״דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אִיז רִיזִיג גְרוֹיס, בִּיזְן הִימְל, עֶר הָאט צְוֵויי רִיזִיגֶע טַאשְׁן אָנְגֶעפִילְט מִיט בָּחוּרִים, דוּ קוּמְסְט אוּן דוּ טֵיילְסְט אוֹיס קְלֵיינֶע מֶעסֶערְלֶעךְ (מִשְׁנַיוֹת׳לֶעךְ) פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס עֶר הָאט שׁוֹין בַּיי זִיךְ אִין קֶעשֶׁענֶע, דִי מִשְׁנַיוֹת שְׁטֶעכְט אִים, נוּ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַלֶע הֵייבְּן אָן שְׁטֶעכְן דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם, עֶר הַאלְט דָאס נִישְׁט אוֹיס, עֶר שְׁפְּרִינְגְט, דֶערִיבֶּער מַאכְט עֶר דִיר שְׁוֶועריקֵייטְן״; דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס יֶעדֶעס מָאל מֶען ווִיל קוּמֶען הֶערְן דִבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים - וֶוערְט מֶען מִיד, מֶען טְרַאכְט ׳אִיךְ וֶועל שׁוֹין הֶערְן אַן אַנְדֶערֶע מָאל׳, אוּן וֶוען מֶען ווִיל לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו טְרַאכְט מֶען ׳אִיךְ הָאבּ ווִיכְטִיגֶערֶע זַאכְן צוּ טוּן׳; וַוייל דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם ווִיל נִישְׁט

**פַארְלִירְן זַיינֶע קְלִיעֶנְטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן דִי פִינְגֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶעם קִינְדֶער בִּיכְל ״מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ״, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט וָואס דוּ הָאסְט אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט; אַזוֹי שֵׁיין דִי גְרֶעפִיקְס, אַזוֹי שֵׁיין דִי אוֹיסְשְׁטֶעל. דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ פַאר דִי מְפִיצִים, מֶען וֶועט גֵיין מִיט דֶעם בַּיי דִי הַייזֶער, עֶלְטֶערְן וֶועלְן דָאס זֶען וֶועלְן זֵיי דָאס נֶעמֶען פַאר דִי קִינְדֶער; דִי מַעֲשִׂיוֹת זֶענֶען פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מַאכְן אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד הַאלְט מִיט אֵיין הַאנְט אַ הַאמֶער, אוּן דִי צְוֵוייטֶע הַאנְט בֵּייגְט עֶר אַיין דִי פִינְגֶער אוּן עֶס בְּלוּט, אִין דִי זַייט שְׁטֵייט אַ אִיד מִיט אֵיין הַאנְט צוּם הִימְל, אַזוֹי וִוי עֶר וַוייזְט אִים ׳הָאסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ נִישְׁט צוּ צֶעקְלַאפְּן׳.

אָה... אִיךְ הָאבּ מִיךְ צֶעקְלַאפְּט מַיין פִינְגֶער... ס׳בְּלוּט, בְּרֶענְג אַ בֶּענְדִידְזְשׁ...

גֶעוֶועְן אִיז דָאס מִיט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעהַאקְט אַ נָאגֶל, אוּן בַּיים קְלַאפְּן מִיטְ׳ן הַאמֶער הָאט עֶר זִיךְ צֶעקְלַאפְּט זַיין פִינְגֶער; עֶס הָאט אִים

זַייעֶר וַויי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן פוּן וַוייטָאג: "אוֹטְשׁ, עֶס טוּט מִיר וַויי, אֲהָהּ... אִיךְ הָאבּ מִיךְ צֶעקְלַאפְּט מַיין פִינְגֶער... ס'בְּלוּט, בְּרֶענְג אַ בֶּענְדִידְזְשׁ..."

דָארְט אִיז גֶעוֶוען זַיין רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט זַיין תַּלְמִיד: "נַחְמָן, הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיידֶער דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דֶעם הַאמֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף דֶער נָאגְל זָאל גוּט אַרַיינְגֵיין?' הָאסְט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן – וָואלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען טוּט, אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אָדֶער אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ – דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַלֶע אִידְן אוּן אוֹיךְ מִיר ..."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פָּרָשַׁת צַו, י"ד אֲדָר ב', חַג הַפּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ

לְכָבוֹד אוּנְזֶער חָשׁוּבְ'עֶר לֶענְדְלָארְד ר' ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר דִי יְשִׁיבָה, מִיר שִׁיקְן אַייךְ דִי מַתָּנָה, אַן הֲדַסִּים הַאלְטֶער לְכָבוֹד שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן נט): "עַל יְדֵי הֲדַסִּים בְּשַׁבָּת זוֹכֶה לְבָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", דוּרְךְ שְׁמֶעקְן הֲדַסִּים שַׁבָּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן דַיין זוּן ... זָאל זַיין אַ צַדִיק, אַ תַּלְמִיד חָכָם.

וואוּנְטְשְׁט,

...

## אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר אִיז נָאר אַ מַעֲלָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י״ז אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר אִיז נָאר אַ מַעֲלָה; אָנְהוֹיבּ זֶעט אוֹיס זֵייעֶר צִיעֶנְדִיג אַ קִילֶער בָּחוּר, אָבֶּער נָאכְדֶעם עֶסְט מֶען זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר וָואס הִיט דִי אוֹיגְן וֶועט אַייךְ זַיין גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ לֶעבְּן; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר חָתָן אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הִיט דִי אוֹיגְן; עֶר וֶועט קוּקְן נָאר אוֹיף אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר, אַ קָרְבָּן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י״ז אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט פוּן אַייעֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אַייעֶר הָאר, אִיר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַאר אַייךְ אִיז דָאס מַמָּשׁ מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס אִיז אַייךְ גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ טוּן, דָאךְ הָאט אִיר גֶעטוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר טוּט וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאגְן.

בִּזְכוּת דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים, אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה וֶועט רוּעֶן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים.

...

**מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען בַּאקוּמְט סֵיי וִוי סֵיי, פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶועְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶועְן מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָאר אִיךְ דִי וָואךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, צוּ מַיין זֵיידֶע'ס הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה, שַׁבָּת גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט אוּן זוּנְטָאג אִיז דִי הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה אִין מִירוֹן. אִיךְ פָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ יָארְצַייט סְעוּדָה לְכָבוֹד דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶ'ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען גְמָרָא וֶועט דִיר הֶעלְפְן בַּייקוּמֶען דִי שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ט אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

הוֹיבּ צוּרִיק אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ עֶס אִיז גְּמָרוֹת וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן קֶענֶען בַּייקוּמֶען דִי שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימּוּד גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא; גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אִים אִינְגַאנְצְן.

אִיךְ הָאף צוּ פָארְן דִי וָואךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל זַיין אִין מִירוֹן בַּיי דִי הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה פוּן מַיין זֵיידֶע הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְן נָאר גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אִים מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין, עֶר הָאט מִיר גֶענוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן קַיין אוּמַאן. אִיךְ גֶעדֶענְק דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעזָאגְט אִינַאֵיינֶעם דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי נָאכְדֶעם הָאט מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט דִּבְרֵי כִּבּוּשִׁין, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט יֶעדְן גֶעמַאכְט וֵויינֶען. עֶר הָאט גֶעזָאגְט בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים: "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער בְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ), אַז דֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקּוֹדֶשׁ וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶער דוֹר, ווִי מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפְן דְרַאפֶּען אוֹיף דִי גְרָאדֶע וֶוענְט צוּ בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה".

אִיךְ וֶועל אוֹיךְ זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין יַבְנְאֵל, אוֹיסְזָאגְן

תְּהִלִּים צוּ פּוֹעֱלְ'ן שִׁידוּכִים, אִיךְ וֶועל אוֹיךְ בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הַאלְט נִישְׁט דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ פָּאר יֶעצְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאךְ דְרֵיי שָׁעָה קוּמֶען מִיר שׁוֹין אָן. אִיךְ פָּאר קַיין בְּנֵי בְּרַק, מִיר מַאכְן אַ יָארְצַייט סְעוּדָה לִכְבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ'ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן אוּן אוֹיפְפְרִישְׁן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק מִיטְ'ן גֵיין דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן. דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר מֶען זָאל אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס דַאוֶונֶען, מֶען זָאל קוֹדֶם טוּן דָאס אוּן יֶענְץ אוּן מֶען וֶועט שְׁפֶּעטֶער דַאוֶונֶען; דַארְף מֶען זִיךְ זָאגְן: 'נֵיין, יֶעצְט גֵיי אִיךְ דַאוֶונֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועל אִיךְ שׁוֹין טוּן דָאס אוּן יֶענְץ'.

בַּיים דַאוֶונֶען לֶעשׁ אוֹיס דֶעם טֶעלֶעפָאן, אָדֶער לָאז עֶס אִין דַיין קַאר. דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן פְּשׁוּטְ'עֶ טֶעלֶעפָאוֹנְס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז זֵיי קֶענֶען הָאבְּן בַּיים דַאוֶונֶען דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן נָאר דִי סְמַארְטְפָאוֹנְס זֶענֶען אַ פְּרָאבְּלֶעם, דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל בַּיים דַאוֶונֶען אִיז אַ פָּשׁוּטְ'עֶ סֶעלְפְאוֹן אוֹיךְ אַ שְׁטֶער; עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה צוּ הָאבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן בִּשְׁעַתְ'ן רֶעדְן מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר.

...

## רֶעד שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּעֶן צְווִישְׁן עֶנְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן, אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ בְּרִיווּ. נֶעבְּן מִיר זִיצְט אַ אִיד מִיט אַ טֶעלֶעפָאן, עֶר כַאפְּט אַ בִּילְד פוּנֶעם בְּרִיווּ אוּן בִּיז אַ סֶעקוּנְדֶע שִׁיק אִיךְ דִיר אַ בִּילְד פוּנֶעם בְּרִיווּ דוּרְךְ אִימֶעיל...

מִיר קוּמֶען שׁוֹין כִּמְעַט אָן, נָאךְ צְוֵויי שָׁעָה. אִינְטֶערֶעסַאנְט וִוי אַזוֹי דִי נְסִיעָה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט, אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעמַאכְט אַ טִיקֶעט אַלֵיינְס, צוּ פָארְן נָאר צוּ מַיין זֵיידֶע׳ס הֲקָמַת הַמַּצֵּבָה, לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעוָוארְן אַ נְסִיעָה מִיט בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה. נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר אַפָּאר בָּחוּרִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען מִיט קוּמֶען אוּן עֶס זֶענֶען מִיט גֶעקוּמֶען דְרַייסִיג בָּחוּרִים, אוֹיךְ דֶער מְנַהֵל אַבְרָהָם מֹשֶׁה נֵרוֹ יָאִיר. מִיר וֶועלְן פָארְן אִינְאֵיינֶעם אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים, וּבְעִקָר גֵיין קַיין יַבְנְאֵל אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים לִזְכוּת דִי בָּחוּרִים זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר זִיווּג.

דִיר בֶּעט אִיךְ אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע בַּקָשָׁה, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן; דוּ דַארְפְסְט טוֹישְׁן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין וַוייבּ. הוֹיבּ אָן רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג; אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג - וֶוערְט שָׁלוֹם בַּיִת אוּן דִי שְׁכִינָה רוּט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

...

## הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר פְרַאגֶע.

עֶס אִיז בִּכְלַל נִשְׁט קַיין סְתִּירָה דָאס הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע הויז - מִיט בְּרֶסְלֶב. אַ שֵׁיינֶע הויז אִיז נִשְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס מֶען טוּט אִינֶעם שֵׁיינֶעם הויז; אַז מֶען פִירְט זִיךְ מִיט שָׁלוֹם, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה - אִיז אַ מְחַיֶּ׳ אַ שֵׁיינֶע הויז, און אַז מֶען פִירְט זִיךְ מִיט מַחֲלֹקֶת, מִיט שִׂנְאָה, מֶען גֵייט נִשְׁט מִיט דִי תּוֹרָה - אִיז בִּיטֶער אויךְ אִין אַ פַארְקְרַאכְטֶע הויז.

אַז אִיר חָלוֹמְ׳ט פוּן אַ שֵׁיינֶע פַּאלַאץ זָאלְט אִיר דָאס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פִּינְקְטְלִיךְ וָואס אִיר דַארְפְט, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אֵייךְ אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע הויז, מִיט נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיט פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע - בִּזְכוּת וָואס אִיר און אַייעֶר מַאן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי דֶעם רֶבִּי׳ן, אִיר זֶענְט מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועט אִיר זֶען נִיסִים.

קוּקְט צוּרִיק וֶועט אִיר זֶען וִויפִיל נִיסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט עֶנְק.

...

## אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אוֹיסְצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּיז פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

פַארְיָאר בִּיסְטוּ גֶעוֶוען פַאר מִיר וִוי אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל, הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אַלֶע זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶעצָאלְט בִּיזְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

אִיךְ דֶערְצֵייל דָאס אַ גַאנְץ יָאר פַאר וֶוער עֶס פְרֶעגְט מִיר פַארְוָואס הַיינְטִיגֶע טֶעג הֶערְט מֶען נִישְׁט דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַמָאלִיגֶע צַייטְן, גֶעטְרָאפְן אַן אוֹצָר פוּן גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ, אָדֶער אַ מַאלְפֶּע אִיז אַרַיינְגֶעפְלוֹיגְן אִין שְׁטוּב מִיט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ; דֶערְצֵייל אִיךְ זֵיי אַז אִיךְ הָאב אַזַא מַעֲשֶׂה,

איך הָאבּ גֶעוויינְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ אַ חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ מְלַמְּדִים, אִיךְ דַּארְף זֵיי בַּאצָאלְן, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרַיין גֶענוּג גֶעלְט פוּן שְׂכַר לִימוּד זֵיי צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן", אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעוויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט צוּ מִיר אַ אִיד אוּן פְרֶעגְט מִיר: "וִויפִּיל דַארְפְסְטוּ נָאךְ הָאבְּן צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים?" אִיךְ מַאךְ אַ שְׁנֶעלֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן אִיךְ זָאג אִים: "בְּעֶרֶךְ פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער", דֶער אִיד שִׁיקְט מִיר אַ שָׁלִיחַ מִיט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער; אַלֶע וָואס הֶערְן דָאס בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל, מֶען זֶעט אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז אוֹיךְ דָא מַעֲשִׂיּוֹת פוּן נִיסִים.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּם סֵדֶר נַאכְט הָאבְּנְדִיג בַּאצָאלְט אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס. דִי לַאסְט, דִי עוֹל - וֶוערְט נָאר מֶערֶער, עֶס לִיגְט אוֹיף מִיר הַיינְטִיגֶע טֶעג צוּ בַּאצָאלְן מְלַמְּדִים פוּן פִיר תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, לִיבֶּערְטִי, ווילְיַאמְסְבּוּרְג, קִרְיַת יוֹאֵל אוּן יְרוּשָׁלַיִם, אוּן דְרֵיי מֵיידל שׁוּלֶעס, לִיבֶּערְטִי, ווילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן קִרְיַת יוֹאֵל. אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן מִיר גֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי אַרְבֶּעט.

שְׁטַארְק זִיךְ, זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ פוּן מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע אוּן הֵיילִיגֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ וָוארְט פוּן רֵיי"ץ פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי תּוֹרָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי מִצְוָה פוּן פְּרְיָ' וּרְבְיָ', זָאל זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אָנְהוֹיבְּן מִיט עֶפֶּעס הֵיילִיגֶע זַאכְן, וָואס עֶפֶּעס הוֹיבְּט זִיךְ עֶס אָן מִיט אַזַא מִצְוָה פוּן פְּרְיָ' וּרְבְיָ'? נָאר דָאס גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן 'בְּרֶענְגְ נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; בִּיסְט אַ אִיד - מַאךְ נָאךְ אַ אִיד.

אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן יוֹם טוֹב.

...

### פַארְוָואס אַוֶועקְגֶעבְּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער פָארְנְדִיג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ גֵיי מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר, אִיךְ גֵיי דֶערְצֵיילְן פַאר מוֹהֲרָא״שׁ וָואס דוּ טוּסְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן טוּט נָאר גוּטְס, אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען יֶעצְט אַ קִינְד אַ דַאוּ״ן סִינְדְרָא״ם - זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, עֶס קוּמְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס פוּן אִים.

בְּנוֹגֵעַ אַוֶועקְגֶעבְּן דָאס קִינְד אָדֶער הַאלְטְן דָאס קִינְד; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס אַוֶועקְגֶעבְּן? אַ קִינְד אִיז אַ קִינְד, אַז דָאס קִינְד אִיז אִין אַ גוּטֶע צוּשְׁטַאנְד, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין קָאמְפְּלִיקַאצְיֶעס - פַארְוָואס נִישְׁט הַאלְטְן? דָאס זָאג אִיךְ דִיר נָאר אוֹיבּ דַיין וַוייבּ ווִיל אוֹיךְ הֶערְן וָואס אִיךְ זָאג, אָבֶּער אַז זִי וֵוייסְט וָואס זִי ווִיל טוּן - זָאלְסְטוּ טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר אִיר; אַז זִי פְּרֶעגְט דִיר, דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ זָאגְן דִי דְרֵיי וֶוערְטֶער: "פַארְוָואס אַוֶועק גֶעבְּן?"

נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט מָשִׁיחַ, דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע וֶוערְן גֶעזוּנְט, אַלֶע וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן; יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד וֶועט צוּרִיקְקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוֹיף קַיין אֵיין אִידִישׁ קִינְד, כִּי לֹא יִדַּח, עֶס וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטוֹיסְן וֶוערְן, מִמֶּנּוּ נִדָּח, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דִי שִׁיעוּר פוּן נֶעכְטְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט

דִי כַּוָונָה אַייךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן, עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן מִיט דִי כַּוָונָה מְחַזֵק צוּ זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן מַאן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אוּן אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן; נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - וֶועט אִיר זֶען אַ יְשׁוּעָה.

מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ כְּלָל, אַ וִוּיכְטִיגֶע כְּלַל אִין לֶעבְּן: ׳יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם, יֶעדֶע צָרָה אוּן יֶעדֶע שְׁוֶוערִיקֵייט - אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרַיין אִינֶעם פְּרָאבְּלֶעם, עֶס אִיז דָא סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִינֶעם פְּרָאבְּלֶעם - אַזוֹי אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ הֶעלְפְן - קֶען מֶען זִיךְ הֶעלְפְן׳; אַז אִיר ווִילְט אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אִיר ווִילְט לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן וְכוּ׳ - וֶועט אִיר זִיכֶער טְרֶעפְן דִי וֶועג אַרוֹיס, אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ טַעַם וְכוּ׳, אִיר וֶועט לֶעבְּן אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

הָעִקָּר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; אִיר זֶענְט אַ טַייעֶרֶע פְּרוֹי, אִיר וֶועט בְּקָרוֹב אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער, אוֹיפְ׳ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן בַּיי אַלֶע צַדִיקִים.

...

### זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין וַוייבֶּער שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיי נִישְׁט בֵּייז אַז אִיךְ הָאבּ דִיר שַׁארְף גֶעזָאגְט שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג פַאר שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת דוּ זָאלְסְט נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי וַוייבֶּער שׁוּל. זָאג פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע אַז פְּרוֹיעֶן זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט פַארְוָואס מֶען פָאלְגְט נִישְׁט בַּיים זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל. אַז דַיין וַוייבּ אִיז לַאנְגְוֵוייליג קֶען זִי גֵיין צוּ אִיר מִשְׁפָּחָה אָדֶער צוּ אַ חַבֶרְ׳טֶע, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל מַאכְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נֵייעֶ זַאכְן.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם, זָאל זִי וִויסְן אַז וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן שׁוּל, דִי שׁוּל אִיז נִישְׁט קֵיין פְּלַאץ פַאר שְׁמוּעֶסְן אוּן פַּארְטִיעֶן, אִין שׁוּל דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס קוּמֶען אִין שׁוּל אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶס טוּט מִיר וֵויי, אִיךְ טְרַאכְט יֶעדֶע וָואךְ צִי אִיךְ זָאל פַארְשְׁפַּארְן דִי וַוייבֶּער שׁוּל אוֹיךְ פַאר שַׁבָּת צוּפְרִי.

אַ פְרוֹי שְׁרַייבְּט מִיר אַז זִי וִויל מֶער נִישְׁט קוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי הַקָּפוֹת זֶעט זִי אַ גַאנְצֶע שׁוּל וִוי פְרוֹיעֶן זִיצְן אוּן גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער; וָואס אִיז דָא, אַן אֵשֶׁת חַיִל, אַן אֵם בְּיִשְׂרָאֵל אָדֶער אַ שׁוּל?! אַ צְוֵוייטֶע פְרוֹי שְׁרַייבְּט מִיר אַז זִי קוּמְט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל, זִי קֶען נִישְׁט זֶען וִוי וֶוען מֶען זָאגְט קְדוּשָּׁה אוּן כֶּתֶר זִיצְן מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט.

אַ פְרוֹי וָואס וִויל קוּמֶען דַאוֶוענֶען, זִי וִויל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ - קֶען זִי קוּמֶען, אָבֶּער סְתָּם קוּמֶען זִיךְ אַרַיינְשְׁטֶעקְן דִי נָאז וואוּ מֶען בַּאלַאנְגְט נִישְׁט אוּן שְׁטֶערְן - וֶועל אִיךְ נִישְׁט צוּלָאזְן. בַּיי דִי מֶענֶער אַז אֵיינֶער דֶערְוַוייגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן - שִׁיק אִיךְ אִים אַרוֹיס, בַּיי דִי וַוייבֶּער וֶועל אִיךְ דַארְפְן פַארְמַאכְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט עֶס אָנְנֶעמֶען גוּט.

...

### אוּנְטֶער דִי קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן אוֹיס קַאלְט אוּן טְרוּקְן, גִיסְט זִיךְ טְרֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן נֶעכְטְן דִינְסְטָאג פַאר דִי מְלַמְדִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, דִי שִׁיעוּרִים קֶענְסְטוּ הֶערְן אוֹיף "קוֹל בְּרֶסְלֶב" אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע אָפְּטֵיילוּנְג "שִׁיעוּרִים פַאר מְחַנְּכִים".

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַייעֶר נֶעכְטְן מִיט

אֵיינֶער פוּן דַיינֶע תַּלְמִידִים, הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר. נָאכְן שִׁיעוּר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אִין יְשִׁיבָה מָאנְטָאג אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דַאוֶנעֶן, קוּמְט עֶר צוּ צוּ מִיר אַז עֶר ווִיל רֶעדְן פְּרִיוַואט מִיט מִיר, פְּרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס ווִילְסְטוּ רֶעדְן?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ ווִיל רֶעדְן פְּרִיוַואט"; אַז אַ קִינְד ווִיל רֶעדְן פְּרִיוַואט אִיז דָאס אִינְטֶערֶעסַאנְט. אִיךְ גֵיי מִיט אִים אַרַיין אִין אָפִּיס אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען, עֶר זָאגְט מִיר: "אִיךְ דַאוֶוען שׁוֹין נִישְׁט פַאר אַפָּאר חֲדָשִׁים..." עֶר וֵויינְט, עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּם וָוארְט, אִיךְ פְּרֶעג אִים: "פַארְוָואס דַאוֶונְסְטוּ נִישְׁט?" זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶונעֶן, עֶס נֶעמְט מִיר זֵייעֶר לַאנְג", עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אִין זַיין אַלְטֶע חֵדֶר פְלֶעגְט מֶען אִים טְשֶׁעפֶּען אַז עֶר דַאוֶונְט זֵייעֶר לַאנְג בִּיז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶונעֶן. אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶערֶעדְט מִיט אִים אַז אִיךְ גֵיי אִים צוּשְׁטֶעלְן אַ מְלַמֵּד זָאל אִים הֶעלְפְן, אוֹיסְלֶערְנֶען דִי פָּאר כְּלָלִים פוּן עִבְרִי וָואס פֶעלְט אִים.

אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס דִיר וַוייל אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין דִי הֶערְצֶעלֶע פוּן דֶעם קִינְד, דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אִים, עֶר דַאוֶונְט נִישְׁט, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט; זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אַלֶעס הָאט אַ סִיבָּה, אוּנְטֶער דִי קִינְדֶער וָואס טוּעֶן גָארְנִישְׁט - אִיז דָא אַ הַארְץ וָואס וֵויינְט, אוּנְטֶער דִי קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן אוֹיס קַאלְט אוּן טְרוּקְן - גִיסְט זִיךְ טְרֶערְן, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט; מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אָדֶער ווִיל מֶען נִישְׁט ווִיסְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל יִסוּרִים, עֶס טוּט מִיר וֵויי מַיין רֶעכְטֶע זַייט אוּנְטֶער מַיין הַאנְט, דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר, וַוייל אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן מְלַמְּדִים וּמְחַנְּכִים וָואס וֶועלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן קֵיינֶעם.

אִיךְ גְלֵייבּ וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אַז יֶעדֶע וָוארְט פוּן תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידּוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער - גֵייט אַרַיין אִין זֵיי אוּן עֶס טוּט אוֹיף בַּיי יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן קִינְד, אוֹיךְ דִי וָואס זֶעעֶן אוֹיס קַאלְט אוּן מִיד ווִילְן אוֹיךְ זַיין גוּט, אוּן זֵיי וֶועלְן זַיין גוּט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס נָאר וַוייל אִיךְ וֵייס אַז דוּ נֶעמְסְט אַלֶעס אָן.

...

## מֶען טָאר נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ פוּן אַ שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ׳ אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער, אוֹיפְ׳ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

זָאג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ זִי זָאל נִישְׁט זַיין בֵּייז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרוֹיסְטְרָאגְן אִיר טַאטֶע פוּן דִי שִׂמְחָה. מֶען טָאר נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ פוּן אַ שִׂמְחָה, אֲפִילוּ אַ פַּיינְט, כָּל שֶׁכֵּן אַ טַאטֶע מַאמֶע - זָאלְן זֵיי זַיין וֶוער זֵיי זָאלְן זַיין.

אַ בָּחוּר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיי אַ בַּאוַוארְפְן, דֶער חָתָן קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט מַחֲלֹקֶת. דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין גֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָּה אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַייעֶר אַז עֶר טָאר נִישְׁט קוּמֶען. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם דַאוֶועֶנֶען אוּן מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז דֶער חָתָן גֵייט נִישְׁט עוֹלֶה זַיין לַתּוֹרָה בִּיז דֶער טַאטֶע גֵייט אַרוֹיס פוּן שׁוּל; הֲנִשְׁמַע כָּזֹאת?! וִוי אִיז דָאס גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרוֹיס צוּ טְרָאגְן פוּן אַ שִׂמְחָה אַ צְוֵוייטֶער אִיד?! עַל זֶה דָוָה לִבֵּנוּ, דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דָאךְ חָרוּבּ גֶעוָוארְן צוּלִיבּ אַזַא מַעֲשֶׂה, צוּלִיבּ קַמְצָא בַּר קַמְצָא (עַיֵּין גִיטִּין נה:).

זָאג דַיין וַוייבּ, אַז זִי שְׁפִּירְט זִי קֶען זֵיי נִישְׁט רוּפְן צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע שִׂמְחָה - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער אַוֶועקְשִׁיקְן אִיז אַ זַאךְ וָואס אַ אִיד טָאר נִישְׁט טוּן, אוּן אוֹיבּ דִי שִׂמְחָה וֶועט זַיין בַּיי אוּנְז אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען.

זַיי נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר, אִיךְ טוּ נָאר וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט.

קֶענְסְט אִיר וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו.

...

**טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שְׁמִינִי, כ"א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז, וָואס זוּכְסְטוּ זַאכְן צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן? עֶס פֶּעלְט דִיר גָארְנִישְׁט, הָאסְט דָאךְ אַלֶעס, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע? אַלֶע צָרוֹת הוֹיבְּן זִיךְ אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע, מֶען גְלִיסְט צוּ הָאבְּן יֶענֶעמְ׳ס לֶעבְּן; דָאס מַאכְט קְרַאנְק, מֶען וֶוערְט אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט בִּיז מֶען ווִיל שׁוֹין נִישְׁט לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה", וֶוער עֶס גְלִיסְט, "עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בִּפְּשְׁטוּת גֵייט דָאס אַרוֹיף לְאַחַר מִיתָה, דִי וָואס הָאבְּן גֶעהַאט קִנְאָה דִי וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַּארְפוֹילְט, אָבֶער מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף בִּשְׁעַת מֶען לֶעבְּט, מֶען וֶוערְט אוֹיפְגֶעגֶעסְן בַּיים לֶעבְּן.

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע - טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט עֶס אִיז 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', טְרַאכְט עֶס אִיז 'אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים' - דָאס וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

וָואס פֶּעלְט דִיר אִין לֶעבְּן? הָאסְט אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן, בִּיסְט אַזוֹי גוּט חַתוּנָה גֶעהַאט, וָואס נָאךְ דַארְפְסְטוּ? אֵיין זַאךְ דַארְפְסְטוּ - דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַרײַנְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח פְרֵיילִיכֶערְהֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ד אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ קוּם שׁוֹין אַהֵיים, אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוֹיפְ׳ן פְלִיגֶער, מֶען גֵייט זִיךְ שׁוֹין הֵייבְּן; מָארְגְן מָאנְטָאג פַארְטָאגְס קוּמֶען מִיר אָן.

אִיךְ בִּין פְרִיעֶר גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס צִיוּן, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזָאגְט תְּהִלִּים מִיט דִי בָּחוּרִים, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; וֶועסְט זִיכֶער זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

וֶוער נִישְׁט אַלְט, פְרִישׁ זִיךְ אוֹיף; הוֹיבּ אָן פוּן פְרִישׁ נוּצְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, טְרֶעף זִיךְ אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בֶּעט אִים אוֹיף דַיין פְּשׁוּטְ׳עֶ שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט וֶוערְן פְרִישׁ מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין מִיט דִי עֵצוֹת, נוּצְן דִי עֵצוֹת, נִישְׁט זַיין אַ חָסִיד יָשָׁן, אַן אַלְטֶער מְקוּרָב.

וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט אַרַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח זָאל דָאס זַיין מִיט שִׂמְחָה, וֶוען מֶען דַארְף אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר יוֹם טוֹב - זָאלְסְטוּ זָאגְן: ״אָה מְחַיֶ׳ עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב!״ דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט; קִינְדֶער זֶענֶען גְרוֹיסֶע מְבִינִים, זֵיי וֵוייסְן גוּט וָואס דֶער טַאטֶע טְרַאכְט אוּן הַאלְט, עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר זֵייעֶר עָתִיד.

...

### דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ה אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. הַיינְט פַּארְטָאגְס בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם, אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זַיין צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַ יֵאוּשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַּארְדַארְבְּן, "תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט עֶס פַּארְרֶעכְטְן; פוּן יֶעדֶע פְּלָאנְטֶער קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, מֶען דַארְף נָאר טְרֶעפְן דֶעם טִיר אוּן דִי וֶועג אַרוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט, דֶער טִיר אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען - אִיז דִי מוֹיל; מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אַלֶע זֶענֶען יֶעצְט טָרוּד מִיטְ'ן אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ, מֶען גְרֵייט אָן דִי שְׁטוּבּ פַארְ'ן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דָאס צוּ טוּן מִיט שִׂמְחָה, עֶס טָאר נִישְׁט גֶעטוּן וֶוערְן פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; אַז מֶען טוּט דָאס מִיט שִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, "זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### אִיךְ הָאבּ פַּאר אַייךְ נֵייעֶס, נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ה אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳

דָאס וָואס אִיר סְטְרַאשֶׁעט אַז אִיר גֵייט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, אִיר גֵייט נִישְׁט הִיטְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיר שְׁרַייבְּט מֶען הָאט גֶעמַאכְט אִיר זָאלְט פַּיינְט הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט; אִיךְ הָאבּ פַּאר אַייךְ נֵייעֶס, נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן! אוֹיבּ אִיר וֶועט אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט וֶועט אַייךְ נִישְׁט בֶּעסֶער וֶוערְן

דָאס לֶעבְּן, וֶוער עֶס לוֹיפְט אַוֶועק פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג - לוֹיפְט צוּם טוֹיט. אַזוֹי וִוי דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, יב): "יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר, לִפְנֵי אִישׁ", עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וָואס זֶעט אוֹיס פַאר'ן מֶענְטְשׁ וִוי אַ גוּטֶע וֶועג, "וְאַחֲרִיתָהּ, דַּרְכֵי מָוֶת", אָבֶּער דֶער סוֹף אִיז טוֹיט.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, אִידִישְׁקֵייט מַאכְט נִישְׁט שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, דָאס לֶעבְּן פַאר זִיךְ אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ; כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה אִיז דָאס לֶעבְּן אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, אַ בִּיטֶערֶע זַאךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כב): "עַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי", מֶען לֶעבְּט גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט; מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פַאר אַ לֶעבְּן עֶר ווִיל, אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע לֶעבְּן, דָאס אִיז עֶס, דָאס לֶעבְּן אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ; נָאר אוֹיב מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן - דֶעמָאלְט וֶוערְט דָאס לֶעבְּן זִיס. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט) יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יְסוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְסוּרִים, אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵויינִיג אוּן פוּל מִיט וֵוייטָאג; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיר סְטְרַאשֶׁעט מִיר, וָואס בִּין אִיךְ אַייךְ שׁוּלְדִיג? וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר? עֶס לִיגְט אִין אַייעֶרֶע הֶענְט בּוֹחֵר צוּ זַיין וִוי אַזוֹי אַייעֶר לֶעבְּן זָאל זַיין. אִיר קֶענְט אַנְטְלוֹיפְן, אָבֶּער דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלט, י): "גַּם שָׁם יָדְךָ תַנְחֵנִי וְתֹאחֲזֵנִי יְמִינֶךָ", אוֹיךְ דָארְט וואוּ מֶען אַנְטְלוֹיפְט דֶערְגְרַייכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הֶענְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, נִישְׁטָא וואוּ אַוֶועק צוּ לוֹיפְן, אִיר הָאט אֵיין בְּרֵירָה, אִיר קֶענְט לוֹיפְן צוּ אִים, אִיר קֶענְט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיפְזוּכְן גוּטְס אִין לֶעבְּן אוּן דַאנְקֶען פַאר דִי גוּטְס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט, נִישְׁטָא קַיין לֶעבְּן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם

הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם, כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', וַוייל דָא אִיז נִישְׁטָא קֵיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דֶער גֵיהִנּוֹם אַלֵיינְס, וַוייל יֶעדֶער אִיז פוּל מִיט יִסּוּרִים; אֵיין עֵצָה אִיז דָא, אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אוּן דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם.

אִידִישְׁקֵייט מַאכְט מֶען זָאל הָאבְּן יֶענֶע וֶועלְט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ד, טז): "הָעוֹלָם הַזֶּה דוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא", דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי וִוי אַן אַרַיינְגַאנְג צוּ אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע זַאל, "הַתְקֵן עַצְמְךָ בַּפְּרוֹזְדוֹר, כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לַטְּרַקְלִין", אַז מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בַּיים אַרַיינְגַאנְג, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע פְּלַאץ אוֹיבְן אִינֶעם שֵׁיינֶעם זַאל; אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט קֵיין בִּיטֶערֶע זַאךְ, אִידִישְׁקֵייט אִיז וָואס מֶען נֶעמְט מִיט זִיךְ מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוער אִיז אַייךְ עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג? וֶוער קוּמְט אַייךְ עֶפֶּעס? נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי וֶוערְטֶער: "קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט", וָואס אִיר בַּאקוּמְט אִיז אַ מַתָּנָה; וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן קֵיין יִסּוּרִים, עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט נִמְאָס וֶוערְן אַייעֶר לֶעבְּן. אַז אַייעֶר מַאן רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַייךְ - אִיז דָאס אַ מַתָּנָה פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא, אוּן אַז עֶר רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ אַייךְ - אִיז דָאס אוֹיךְ פוּן גָאט; בֵּייגְט אַיין אַייעֶר קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶע צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אַייךְ אַלֶעס גוּט וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

זֵייעֶר קְלוּג טוּסְטוּ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ, כ"ה אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דִיר צוּ טְרֶעפְן יֶעצְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט דַיינֶע בְּרִיוו; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ וֶועל הָאבְּן צַייט, וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת.

זֵייעֶר קְלוּג טוּסְטוּ אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת, וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בַּתְּחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵייטְן מָאל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי

לְתַאֲבָה", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעווָאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעווָאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן דֶערְמָאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל

הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כוּלָה, עַיֵין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בס"ד

# מודעה איבער "עצתו אמונה חלק ו'"

מיר האבן פרובירט ווי ווייט מעגליך צו געבן די געלעגנהייט פאר אנשי שלומינו און אידן איבער די וועלט, בפרט די וואס האבן שוין אנטייל גענומען צו דרוקן די פריערדיגע חלקים - צו האבן א זכות אין דרוקן דעם חלק וואס גייט שוין בעזרת השם צום דרוק, דאך איז מעגליך אז מיר האבן בטעות איינעם אויסגעלאזט.

דעריבער ווילן מיר מעלדן אז דער חלק גייט שוין צום דרוק, און ווער עס וויל נאך ארייננכאפן די גרויסע זכות פון האבן א חלק אין דרוקן דעם הייליגן ספר זאל זיך מעלדן צו ר' ישעי' איידליס הי"ו אויף 347-831-1391

אדער קען מען שיקן אן אימעיל

צו maebreslev@gmail.com

**"אייער עובדא זאל זיין יפוצו מעינותיך חוצה"**

**המערכת**